**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/27/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד-הויכע צאל באזיכער ביי סטעיט פארקס**

***צאל באזיכער אין 2024 אריבער די סטעיט קומט אן צו 88.3 מיליאן, איבערשטייגנדיג פריערדיגע רעקארד וועלכע/קגעשטעלט אין 2023 מיט 4 מיליאן***

***פארק'ס הונדערטסטע יארטאג און ליקוי חמה געשעענישן און די גאווערנער'ס אומזיסטע שווימען איניציאטיוון האבן בייגעשטייערט צו די 12'טע יאר נאכאנאנד וואס צאל באזיכער וואקסט***

***גאווערנער'ס Unplug and Play סטראטעגיע מוטיגט נאך מער געזונטע פארוויילונג פאר ניו יארקע פאמיליעס***

***פארק באזיכער ציפערן פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז סטעיט פארקס, היסטארישע ערטער, קעמפינג שטחים און טרעילס אויפגעהאלטן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation, "סטעיט פארקס") האבן געזעהן א רעקארד-הויכע צאל פון 88.3 מיליאן באזוכן אין 2024. די סך הכל באזוכן אריבער די סטעיט זענען ארויף מיט איבער פיר מיליאן — א פינף פראצענטיגע העכערונג אין פארגלייך צו די פריערדיגע רעקארד פון 2023. די ציפערן שפיגלען אפ גאווערנער Hochul (האקול)'ס איבערגעגעבנקייט צו אויסברייטערן צוטריט צו פארקס און דרויסנדיגע פארוויילונג, אריינרעכענענדיג איר אינוועסטירונג אין די פארק סיסטעם'ס 100'סטע יארטאג פייערונגען לעצטע יאר, די 2024 פולשטענדיגע ליקוי חמה געשעענישן וועלכע האבן געבראכן סטעיט טוריזם רעקארדס און אירע אומזיסטע שווימען איניציאטיוון.

"די נייע רעקארד צאל באזיכער איז א רעזולטאט פון אונזער איבערגעגעבנקייט צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו געניסן פון זיכערע, געזונטע פארוויילונג, צי דאס איז דורך שווימען, הייקינג, קעמפינג אדער זיך צוזאמקומען צו זעהן אונזערע ערשט-קלאסיגע פאנאראמעס, ברעגעס און וואסער פאלן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר זענען מזל'דיג אז אונזערע סטעיט פארקס אפפערן א גאר-נויטיגע פויזע פון די אדיקטיווע דיגיטאלע וועלט צו וועלכע פילע זענען אויסגעשטעלט, און מיט מיין "Unplug and Play" (אויסשאלטערן און שפילן) סטראטעגיע וועלן מיר זיכער מאכן אז אפילו מער ניו יארקער און צוקונפטיגע דורות האבן צוטריט צו פענאמענאלע פארוויילונג איינריכטונגען אין זייערע סטעיט פארקס אפיס און אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס."

אין לויף פון די לעצטע צוואנציג יאר איז די צאל באזוכן אין סטעיט פארקס ארויפגעקראכן אויף א סטאבילן פארנעם, וואקסנדיג מיט 66 פראצענט, מיט לעצטע יאר זייענדיג די 12'טע יאר נאכאנאנד מיט

א יערליכע וואוקס. ביישטייערנדיג צו די וואוקס אין די צאל באזוכן איז געווען די ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער סיסטעם'ס הונדערטסטע יארטאג אין 2024. די יאר-לאנגע פייערונג האט באערט איינפלוסרייכע פיגורן און הויכפונקט מאמענטן אין די אנטוויקלונג פון די סטעיט פארקס, און עס האט געגעבן א געלעגנהייט פאר די אגענטור זיך צו פארבינדן מיט לאקאלע אריבער די סטעיט דורכן אפהאלטן צענדליגע געשעענישן לכבוד די הונדערטסטע יארטאג.

אום אפריל 8, האבן סטעיט פארקס אפגעהאלטן א רייע פון געשעענישן און אקטיוויטעטן צו פייערן די זעלטענע פולשטענדיגע ליקוי חמה וואס איז אריבערגעגאנגען אריבער מערב ניו יארק, די פינגער לעיקס און די עדיראַנדעקס. גאווערנער Hochul (האקול) איז געווען איינע פון די 45,000 באזיכער וועלכע האבן געהאט די איבערלעבעניש פון די הימלישע פאסירונג ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק. די ליקוי חמה האט געברענגט [רעקארד-ברעכנדע טוריזם ציפערן]() אין ניו יארק צווישן אפריל 6 און אפריל 9 לעצטע יאר.

גאווערנער Hochul (האקול)'ס אומזיסטע שווימען איניציאטיוון האבן באפעסטיגט די נייע רעקארד. בעפאר די סוף וואך פון יולי 4 לעצטע יאר, האט גאווערנער Hochul (האקול) מבטל געווען שווים באסיין איינטריט באצאלונגען ביי סטעיט פארקס פאר די גאנצע זומער. ביז לעיבאר דעי איז די צאל באזיכער ביי שווים באסיינען געוואקסן מיט 36 פראצענט, מיט איבער 542,000 מענטשן באזוכנדיג א סטעיט פארק שווים באסיין. צוויי און צוואנציג איינריכטונגען האבן אפגעהאלטן אומזיסטע שווימען קלאסן, [טריפלענדיג די צאל אזעלכע איינריכטונגען פון די פריערדיגע יארן]() און אויסלערנענדיג פאר איבער 2,000 קינדער וויאזוי צו שווימען.

**סטעיט פארקס אפיס צייטווייליגער קאמישאנער, Randy Simons (רענדי סימאנס), האט געזאגט,** "די סטעיט פארקס איז פון די מערסטע געשעצטע פארק סיסטעמען אין די וועלט, אויפנעמענדיג פילע מיליאנען באזיכער מער פון סיי ווען בעפאר זיך צו 'אויסשאלטערן און שפילן'! גאווערנער Hochul (האקול)'ס אנגייענדע שטיצע פאר דרויסנדיגע פארוויילונג און לאנד אפהיטונג, צוזאמגעפארט מיט די געטריישאפט און שווערע ארבעט פון די סטעיט פארקס מאנשאפט, האבן אונז געהאלפן אן א ספק צו אנקומען צו די נייע רעקארד. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט שותפים ארום די סטעיט צו אנהאלטן די שוואונג, ארויסהעלפן מיט די גייסטישע און פיזישע וואוילזיין פון אלע, טרייבן פאר אפארדעביליטי און העלפן טרייבן פאר עקאנאמישע שטופן פאר קאמיוניטיס ארום די עמפייער סטעיט פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד Ron Kim (ראַן קים) האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער Hochul (האקול) און מיינע קאלעגן ביים פארזעצן צו אינוועסטירן אין אונזערע סטעיט פארקס, פארוויילונג ערטער און קולטורישע פלעצער. זיי האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין א יסודות'דיגע טרייב קראפט פאר ניו יארק'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג, ברענגענדיג מיליאנען פון יערליכע באזיכער און אן אומשאצבארע נאטורליכע ווערט פאר אונזערע קאמיוניטיס, א זאך וואס איז קריטיש פאר לאנג-טערמיניגע אנהאלטנדע וואוקס."

קעמפינג האט פארגעזעצט צו זיין אן אפפער פון סטעיט פארקס פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג אין 2024, מיט 2,206,986 קעמפערס אוועקשטעלנדיג זייערע טענטס ביי ניו יארק'ס סטעיט פארקס איינריכטונגען. מיט מער פון 226,000 רעזערוואציעס, האבן די קעמפערס אלע צוזאמען פארברענגט 753,731 נעכט אונטער די שטערנס בשעת'ן גיבן א שטופ פאר לאקאלע עקאנאמיעס.

די [ניו יארק סטעיט פארקס געזונטהייט טשעלענדזש]() (New York State Parks Wellness Challenge) האט זיך אנגעהויבן דעם יאנואר 1 צו מוטיגן סיי גייסטישע געזונטהייט און סיי דרויסנדיגע פארוויילונג בשעת'ן אויך אויפקלערן איינוואוינער און באזיכער איבער געזונטהייט-קאנצענטרירטע אקטיוויטעטן אין די סטעיט פארקס אין 2025. די טשעלענדזש איז אויסגעשטעלט געווארן צו זיין אין

איינשטימונג מיט גאווערנער Hochul (האקול)'ס באמיאונגען צו מוטיגן ניו יארקער צו אפלאזן זייערע כלים און געניסן פון די דרויסנדיגע לופט. די טשעלענדזש האט אריינגערעכנט 50 'מיסיעס' וועלכע קענען דורכגעפירט ווערן ביי פארשידענע סטעיט פארקס. איינמאל אנטיילנעמער פארענדיגן 25 פון די 50 מעגליכע מיסיעס וועלן זיי באקומען א סטיקער און פאסט קארטל אלס אנדענק געשיקט צו זייער אדרעס דורך די פאסט אלס א פרייז.

גאווערנער Hochul (האקול)'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 שלאגט פאר 200 מיליאן דאלאר פאר סטעיט פארקס צו אינוועסטירן אין- און ארויסהעלפן מיט- די אנגייענדע טראנספארמאציע פון ניו יארק'ס פראמינענטע פארקס און צו שטיצן קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די גאנצע פארק סיסטעם. די גאווערנער'ס נייע [Unplug and Play אינציאטיוו](#) טיילט צו 100 מיליאן דאלאר פאר קאנסטרוקציע און רענאוואציע פון קאמיוניטי צענטערן דורך די 'בויען פארוויילונג אינפראסטרוקטור פאר קאמיוניטיס, קינדער און עלטערע מענטשן' ( Build Recreational Infrastructure for Communities, Kids and Seniors, NY BRICKS) אינציאטיוו; 67.5 מיליאן דאלאר פאר די 'פלעצער פאר לערנונג, אקטיוויטעט און יונגווארג געזעלשאפט' ( Places for Learning, Activity and Youth Socialization, NY PLAYS) אינציאטיוו, העלפנדיג ניו יארקע קאמיוניטיס אויפבויען נייע שפיל ערטער און רענאווירן עקזיסטירנדע שפיל ערטער; און נאך 50 מיליאן דאלאר פאר די 'סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג צו פארמערן שווימען' ( Statewide Investment in More Swimming, NY SWIMS) אינציאטיוו, שטיצנדיג לאקאלע רעגירונגען מיטן רענאווירן און אויפבויען שווים באסיין איינריכטונגען.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלער פארטן און מער, און ענטפאנגען איבער 88 מיליאן באזיכער יערליך. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט [parks.ny.gov](#), דאַונלאָודט די אומזיסטע [NY State Parks Explorer](#) [עפּ](#) אדער רופט 474-0456 (518). פארבינדט זיך מיט זיי אויף [Facebook](#), [Instagram](#), [X](#) (וואס פלעגט הייסן Twitter) און אויף די [OPRHP 'בלאַג'](#) אדער דורך די [OPRHP Newsroom](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](#)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](#) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)